פרשת בראשית ||| שנת תשפ"ד לפ"ק ||| גליון כ"ג ||| שנה ב'

# הבינוני

שיעורי
הרב שמעון שפיצער
שליט"א

"להבין ולהשכיל לשמוע ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים"
הבינוני
שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

פטרון סדר בראשית
הרוצה בעילום שמו
לזכותו ולזכות משפחתו
לברכה והצלחה ברוחניות ובגשמיות

## בר בטחתי

## ודורשי ה' לא יחסרו כל טוב;
### אומריכטיגע 'השתדלות' ברענגט אַ שאָדן בפועל ממש

יום שני פרשת מסעי, כ"ו תמוז, תשע"ט

א

## אל תיגע להעשיר; אָן קיין בטחון וועט די הצלחה אַנטלויפן

### דער שאָדן פון זיך פאַרלאָזן אויף די אייגענע חכמה און תכונת הנפש

מיר האַלטן אינמיטן דער 'פתיחה' פון דעם 'חובת הלבבות' צום 'שער הבטחון', וואו ער רעכנט אויס אַלע תועלת'ן וואָס אַ מענטש האָט פון זיך ריכטיג פאַרלאָזן אויפ'ן אויבערשטן מיט אַ גאַנצע בטחון.

יעצט שמועסט דער 'חובת הלבבות' אויס אַז אויב אַ מענטש איז זיך בוטח אויף אַנדערע כוחות, דעמאָלט וועט ער נישט זען קיין הצלחה און צום סוף וועט ער אַלעס פאַרלירן און ער וועט נישט זען קיין הצלחה.

וזל"ק: "**ואם יבטח על חכמתו**" - אויב דער מענטש פאַרלאָזט זיך אויף זיין אייגענע חכמה און כשרונות. "**ותחבולותיו וכח גופו והשתדלותו**" - ער פאַרלאָזט זיך אויף זיינע תחבולות, ער איז זיך בוטח אז ער איז אַ שטאַרקער מענטש מיט אַ גוטע תכונת הנפש, ער האַלט אַז ער גייט מצליח זיין צוליב זיין כשרון, חכמה, משפחה, געלט, א.א.וו. דעמאָלט "**יעזבהו ה' לנפשו ויגע לריק ויחלש כחו, ותקצר תחבולתו מהשיג חפצו**" - דער רבוש"ע וועט אים אָפּלאָזן און דער מענטש וועט זיך פלאָגן פאר גאָרנישט, זיינע תחבולות וועלן זיין צו קורץ אַז ער זאָל קענען עררייכן דאָס וואָס ער האָט געוואָלט.

מענטשן אַרבעטן דאך זייער שווער צו דערגרייכן זייערע צילן. פאַרוואָס לייגן זיי אַריין אַזויפיל ענערגיע?! ווייל זיי ווילן עפּעס דערגרייכן. אָבער אויב מען פאַרלאָזט זיך נישט אויפ'ן אויבערשטן וועט מען אַרבעטן און אַרבעטן, **אָבער די הצלחה וועט אַלס גיין ווייטער!** וויפיל מען וועט אַרבעטן שווערער וועט דאָס אַוועקלויפן און מען וועט נישט קענען אָנקומען דערצו.

דאָס איז טייטש "ותקצר תחבולתו מהשיג חפצו", ווי די ספרים הק' זענען מסביר אַז דאָס איז אַ פשוט'ע 'פועל יוצא', אויב אַ מענטש מאַכט השתדלות אָן קיין בטחון וועט די זאַך נישט אָנקומען ריכטיג! מענטשן מיינען אַז די 'השתדלות' ברענגט די הצלחה נאר מען דאַרף 'אויך' געדענקן דעם אויבערשטן. אָבער דער אמת איז פונקט פאַרקערט; **ווען דער מענטש לייגט אַריין ענערגיע אין השתדלות אָן דעם רבוש"ע, וועט עס נאַטירליך אַנטלויפן פון אים** און ער וועט דאָס נישט קענען דערגרייכן.

יעצט ברענגט דער חובת הלבבות עטליכע פסוקים ווי עס איז מבואר דער יסוד: "**כמו שאמר הכתוב** (איוב ה, יג)**: לוכד חכמים בערמם**" - די מענטשן וואָס פאַרלאָזן זיך אויף זייער קלוגשאַפט ווערן אַריינגעכאַפּט אין נעץ צוליב זייער 'ערמה', דאָס איז נישט די אמת'ע חכמה דערפאַר ווערט דאָס אָנגערופן 'ערמה'. "**ואמר** (קהלת ט, יא)**: שבתי וראה תחת השמש, כי לא לקלים המרוץ ולא לגבורים המלחמה ולא לחכמים לחם**" - שלמה המלך זאָגט

> מען כאַפּט נישט אַז דאָס איז דברי כפירה, אַז כדי צו ווערן רייך דאַרף מען אַריינלייגן די גאַנצע כח און מח דערינען.

כאַפּ אַ בליק אויף דער בריאה, וועסטו זען אַן אינטערעסאַנטע זאַך! נישט די פלינקע מענטשן קענען שנעל לויפן, נישט די גבורים געווינען די מלחמה און נישט די חכמים האָבן ברויט, די וועלט אַרבעט נישט ווי מיר טראַכטן! "**ואמר** (תהלים לד, יא)**: כפירים רשו ורעבו ודורשי ה' לא יחסרו כל טוב.**" - דאָס גייט אַרויף אויף מענטשן וואָס פאַרלאָזן זיך אויף זייער 'חכמה' אָדער אויף זייער 'תכונת הנפש' און דערפאַר זענען זיי נישט מצליח.

### דער שאָדן פון זיך פאַרלאָזן אויף די אייגענע געלט

דערנאָך דערמאַנט דער חובת הלבבות אַז דאָס זעלבע גייט אן ביי מענטשן וואָס פאַרלאָזן זיך אויף זייער געלט: "**ואם יבטח ברוב עשרו, יוסר ממנו ויישאר לזולתו, כמו שאמר הכתוב** (איוב כז, יט)**: עשיר ישכב ולא יאסף עיניו פקח ואיננו**" - וויפיל אַזעלכע מעשיות זענען דאָ פון מענטשן וואָס האָבן זיך פאַרלאָזט אויף זייער עשירות אָבער זיי פאַרלוירן זייער גאַנצע געלט 'כהרף עין', צוליב אַ קליינינקייט!

"**ואמר** (משלי כג, כד)**: אל תיגע להעשיר, מבינתך חדל**" - לייג נישט אַריין צופיל ענערגיע און מוטשע זיך נישט אַזויפיל צו ווערן רייך. דאָס איז דער היפוך הגמור פון דער שפּראַך וואָס מען קען הערן אין דער וועלט און מען כאַפּט נישט אַז דאָס איז דברי כפירה, אַז כדי צו ווערן רייך דאַרף מען אַריינלייגן די גאַנצע כח און מח דערינען. "מען קען נישט טון בלויז אַביסל... מ'דאַרף אינוועסטירן אַכצן, צוואָנציג שעה פונעם טאָג דערפאַר...". זאָגט שלמה המלך, דער חכם מכל אדם, אַז דאָס איז אַ גרויסער טעות! מעגליך אַז אין אָנהויב קוקט עס טאַקע אויס אַזוי, אָבער מ'דאַרף קוקן אויפ'ן גאַנצן בילד! "מבינתך חדל"! נישט דאָס ברענגט עשירות! און אויב ס'קוקט דיר אויס אַז יאָ וועלן

מיר שפּעטער לערנען וויאַזוי צו זען דעם ריכטיגן בליק אפילו בדרך הטבע, אַז עשירות וואָס איז געקומען פון נישט ריכטיגע בטחון האָט נישט קיין גוטן סוף.

**"ואמר** (משלי כג, ה)**: התעיף עינך בו ואיננו, ואמר** (ירמיהו יז, יא)**: בחצי ימיו יעזבנו ובאחריתו יהיה נבל"** - אפילו אויב דער מענטש האָט אַהאַלב פון זיין לעבן געהאַט אן עשירות וועט ער דערנאָך דאָס פאַרלירן און ער וועט לעבן ווי אַ 'נבל' וואָס דאָס מיינט גאָר אַ נעבעכדיגער מענטש.

זאָגט דער חובת הלבבות ווייטער: **"או תמנע ממנו הנאתו בו, כאשר אמר החכם** (קהלת ו, ב)**: ולא ישליטנו האלוקים לאכול ממנו כי איש נכרי יאכלנו"** - אַז אפילו אויב ער בלייבט יאָ מיט דאָס געלט וועט ער נישט הנאה דערפון. וויפיל מענטשן האָבן געהאַט ריזיגע געלטער אָבער זיי האָבן דאָס נישט געקענט נוצן צוליב אַלע סאָרט סיבות, אַמאָל איז דאָ פאַרשידענע חשבונות און אַמאָל גיט זיי דער אויבערשטער אַ תכונת הנפש פון זיין קאַרג, זיי האָבן נישט הנאה פון דאָס געלט.

**"ויהיה אצלו פקדון ששומר אותו מן הפגעים עד שישוב למי שהוא ראוי לו, כמו שכתוב** (קהלת ב, כו)**: ולחוטא נתן ענין לאסוף ולכנס לתת לטוב לפני האלוקים, ואמר** (איוב כז, יז)**: יכין וצדיק ילבש, וכסף נקי יחלוק** - דאָס געלט ליגט ביים עושר פשוט אַלס אַ פקדון, דער אויבערשטער גיט אים אן אינטערעסע צו זאַמלן דאָס געלט אַז דאָס זאָל קענען אָנקומען צום ריכטיגן מענטש.

### די 'פּועל יוצא' פון נישט האָבן קיין בטחון איז פאַרלירן אַלעס

דער חובת הלבבות לייגט צו אַז אַמאָל איז נאָך אן אַרגערע מצב, אַז דוקא די עשירות וואָס קומט פון 'בטחון בעצמו' וועט ברענגען דעם מענטש לידי אבדון חלילה. **"ואפשר שיהיה הממון סיבת רעתו ואבדן נפשו, כמו שאמר הכתוב** (קהלת ה, יב)**: יש רעה חולה ראיתי תחת השמש, עושר שמור לבעליו לרעתו"** - שלמה המלך זאָגט אַז ער האָט באַמערקט אַ געפערליכע שווערע קרענק אַז אַמאָל קען זיין ביי עשירות, אַז נישט בלויז האָט דער מענטש נישט קיין הנאה דערפון, נישט בלויז פאַרלירט ער דאָס שפּעטער, נאר עס קען אים פשוט ברענגען אַסאַך שלעכטס. וויפיל מאָל איז דאָ וואָס אן עושר ווערט חלילה געהרג'עט צוליב זיין געלט, וויפיל משפחות זענען געוואָרן צעקריגט און חרוב צוליב געלט. אַז מען קוקט זיך אַרום זעט מען מענטשן וואָס האָבן פאַרלוירן נחת פון זייערע קינדער צוליב געלט, מענטשן וואָס זענען געוואָרן קראַנק בנפש צוליב געלט.

דער חובת הלבבות לערנט אונז אַז מיר זאָלן נישט זיין ווי די וועלכע זאָגן: "געלט איז נישט אַלעס, ס'איז דאָ מענטשן וואָס האָבן אַסאַך געלט אָבער עס פעלט זיי נחת אָדער געזונט, מ'דאַרף נישט מקנא זיין"... **דאָס איז אָפּגעלערנט די זאַך מיט אַ קינדערישן בליק,** ווייל אַזאַ סאָרט שפּראַך באַדייט אַז כאילו גייט יאָ גוט פאר אַזאַ מענטש, וואָס איז זיך נישט בוטח בה'. דער אמת איז אָבער אַז אַ מענטש וואָס טוט נישט ריכטיגע השתדלות צו פאַרדינען געלט, וועט דאָס אים צוברענגען צו פאַרלירן אַלעס! **נישט בלויז 'בדרך אגב', נאר דאָס איז אַ דירעקטע 'פּועל יוצא' פון דעם וואָס ער האָט זיך נישט פאַרלאָזט אויפ'ן אויבערשטן!** די געלט וועט זיין אַ סיבה אַז ער זאָל אַלעס מפסיד זיין!

ב

# דער לימוד פון בני גד ובני ראובן; אויב מען כאַפּט אליינס אַ זאַך האַלט זיך דאָס נישט

### די ערשטע צו ווערן פאַרטריבן פון א"י זענען געווען די וואָס האָבן אליינס גענומען אַ נחלה

צו פאַרשטיין בעסער די נקודה דאַרף מען זען וויאַזוי צדיקים האָבן אָפּגעלערנט אַ מורא'דיגע מדרש אין פּרשת מטות. די תורה פאַרציילט אונז דאָרט די פּרשה פון די 'בני גד ובני ראובן', וואָס זיי זענען געקומען בעטן פון משה רבינו אַז זיי ווילן האָבן זייער נחלה אין 'עבר הירדן', ווייל דאָרט איז דאָ אַסאַך 'מקנה' פאר זייערע בהמות. די תורה האָט אַ גאַנצע פּרשה אַז משה רבינו האָט זיך אויסגענומען מיט זיי אַ תנאי אַז זיי דאַרפן גיין פאָראויס אין דער מלחמה אויף ארץ ישראל און דערנאָך וועלן זיי קענען צוריקקומען זיך באַזעצן אין 'עבר הירדן'. אַזוי איז טאַקע געווען.

שטייט דאָרט אין מדרש אַ מבהיל'דיגע זאַך, אַז מיט הונדערטער יאָרן שפּעטער, אין דער תקופה פון דעם בית המקדש הראשון, זענען די בני גד ובני ראובן געווען די ערשטע וואָס זענען געגאַנגען אין גלות דורך סנחריב, נאָך אַסאַך בעפאָר נבוכדנצר האָט פאַרטריבן די אַנדערע שבטים ביים חורבן הבית. **ווייסט פאַרוואָס?! ווייל זיי האָבן אליינס געכאַפּט זייער נחלה!** זיי האָבן נישט געוואַרט אַז דער אויבערשטער זאל זיי דאָס געבן און עס האָט זיי געפעלט פון די אמת'ע בטחון בה'!

דער מדרש לערנט אונז אַז אַמאָל איז דאָ אַ זאַך וואָס האַלט אן הונדערטער יאָר, אָבער צום סוף וועט מען זען אַז דאָס ווערט נאבד, עס גייט קאַליע, ווייל דער יסוד איז נישט געווען מיט די ריכטיגע בטחון! זיי זענען געגאַנגען די ערשטע אין גלות, נישט אַלס אַן עונש, נאר ווייל אַזוי אַרבעט די 'טבע הבריאה' אַז ווער עס כאַפּט אליינס, ווער עס מיינט אַז זיין אייגענע השתדלות וועט ברענגען רעזולטאַטן, וועט די זאַך פאַרלוירן גיין חלילה.

### דורך זיך פאַרלאָזן אין די אייגענע כוחות האַקט מען זיך אָפּ פון דעם חיות

אין ספר **"שפתי צדיק"** ברענגט ער פון זיין זיידע, בעל **חידושי הרי"ם** זי"ע, וואָס האָט געזאָגט אַז אין דעם מדרש ליגט אַ געוואַלדיגע טיפע יסוד, אַז ווילאַנג דער 'מקבל' געדענקט אַז השי"ת האָט אים געגעבן די כח און די שכל. אַלעס וואָס ער פאַרמאָגט קומט פונעם אויבערשטן וואָס היט עס אים אָפּ, אויב נישט קען ער עס פאַרלירן אין איין רגע, דאָס גיט טאַקע דעם קיום פאר זיין פאַרמעגן. אָבער אויב מען פאַרגעסט חלילה דעם 'כח הנותן', מען קלערט אַז מען האָט דאָס באַקומען אַדאַנק די השתדלות און די אייגענע חכמה, דעמאָלט הייסט מען אַ 'חוטף', כאילו מען האָט דאָס אליינס געכאַפּט, און דעמאָלט ווערט אָפּגעהאַקט די חיות פון דער זאך און דאָס איז גורם אַז מען זאָל דאָס טאַקע פאַרלירן חלילה!

### מיר דאַרפן בלייבן 'איינגעשטעקט' דורך בטחון און דביקות בה'...

דער חידושי הרי"ם זאָגט אונז אַז דאָס איז אַזוי ווי איינער וואָס האָט געהאַט אן עלעקטראָנישע געצייג וואָס איז געווען אַריינגעשטעקט אין דער וואַנט און ס'האָט פון דאָרט געצויגן חיות. דער מענטש וויל עס ברענגען נענטער צו זיך, גיט ער דאָס אַ שלעפּ און די 'פּלאָג' פאַלט אַרויס און ס'הערט אויף אַרבעטן...

די זעלבע זאַך פּאַסירט יעדעס מאָל וואָס דער מענטש פאַרלאָזט זיך אויף זיין עשירות, אויף זיין גבורה, אויף זיינע כשרונות, אויף זיין משפּחה; ער שפּירט זיך פאַרזיכערט אַז ער איז אַ מוצלח צוליב זיינע פעאיגקייטן און סביבה; **ער 'שלעפּט' די הצלחה נענטער צו זיך, דעמאָלט האַקט ער אָפּ דעם קשר!** ווען ער פאַרגעסט חלילה פונעם אויבערשטן האָט ער אַרויסגענומען די 'כח החיות' פון דער זאַך און דאָס וועט ענדגילטיג קאַליע גיין. נישט אַלעמאָל וועט דאָס פּאַסירן אויף דער סעקונדע אָבער די 'פּועל יוצא' וועט זיין אַז די זאַך גייט נאבד ווערן, ווי מ'זעט עס ביי די נחלה פון די 'בני גד ובני ראובן'.

דאָס איז נוגע ביי אַלע סאָרט זאַכן, אפילו ביי יחוס אבות, וואָס פון איין זייט קען עס ברענגען אַזויפיל סייעתא דשמיא ברוחניות, די צדיקים פון אויבן העלפן אים, אָבער אויב מען גייט צו דערצו מיט אן אומריכטיגע הסתכלות קען דאָס שטערן דאָס גאַנצע לעבן, ער קען נישט זיין קיין נאָרמאַלער מענטש און זיין גאַנצע הלך ילך איז פאַרדרייט. די זעלבע זאַך קען אים ברענגען די גרעסטע טוב, בתנאי אַז ער איז 'מחובר' צום אויבערשטן!

**אותיות מחכימות** — שפתי צדיק פּרשת מטות בשם זקינו הרה"ק בעל חידושי הרי"ם זי"ע

כל זמן שהמקבל זוכר שהשי"ת נותן לו כוח ושכל מה שיש לו משלו הוא, ושהוא שומרו בידו, כי אם יפסיק לשמרו, יאבד אותו ברגע אחד, זהו הנותן קיום לרכושו, וכששוכח כוח הנותן ח"ו או מעלה בדעתו שזה הגיע לו על ידי השתדלותו - וכוח חכמתו, הרי הוא נקרא חוטף, ואז נפסק הדביקות ונאבד ממנו רכושו.

### יעדע זאַך וואָס איז באַשערט וועט מען סייווי באַקומען

דער '**שפת אמת**' אין פרשת מטות שרייבט אַז די טענה אויף די 'בני גד ובני ראובן' איז געווען וויבאַלד זיי וואָלטן סייווי באַקומען דעם 'עבר הירדן', נאר זיי האָבן עס געוואָלט אליינס נעמען פאר דער צייט. ווי ס'שטייט אויך אין חובת הלבבות אַז יעדע זאַך וואָס איז אָנגעגרייט פאַר'ן מענטש גייט ער סייווי באַקומען! **אויב זיי וואָלטן אויסגעוואַרט וואָלטן זיי עס באַקומען פונעם אויבערשטן**, אָבער יעצט האָבן זיי געוויזן אַז זיי גלייבן אין זייער השתדלות, דעריבער זענען זיי די ערשטע פאַרטריבן געוואָרן דערפון.

דער 'חידושי הרי"ם' זאָגט אָבער אַביסל אַנדערש, אַז די תביעה אויף די 'בני גד ובני ראובן' איז געווען ווייל זיי האָבן זיך נישט מתבונן געווען אַז זייער גאַנצע חיות באַקומען זיי דווקא דורך די תורה און דורך ארץ ישראל. זיי האָבן געשפּירט אַז זיי דאַרפן זיך אליינס 'כאַפּן' אַ פּלאַץ וואָס זאָל זיין אַ 'מקום מקנה' פאר זייערע געברויכן און זיי האָבן נישט געדענקט אַז אויב זיי וועלן זיי וועלן זיך גענצליך פאַרלאָזן אויף השי"ת וועלן זיי באַקומען אַלעס וואָס זיי דאַרפן. דעריבער האָט זייער נחלה טאַקע נישט געהאַט קיין קיום און זיי זענען געווען די ערשטע צו ווערן פאַרטריבן אין גלות.

### צעבראָכן אַ טייערע גלאָז ביי דער חתונה צו ווייזן אַז אין אַ מינוט קען זיך אַלעס צעברעכן

צו דעם יסוד שטעלט דער חידושי הרי"ם צו וואָס די גמרא פאַרציילט אין מסכת ברכות (דף ל ע"ב) אַז מר בריה דרבינא האָט חתונה געמאַכט זיין זון, און ער האָט געזען אַז די רבנן זענען צו שטאַרק פריילך, און אַ שמחה דאַרף דאָך זיין אויף אַן אופן פון 'וגילו ברעדה', מען דאַרף זיין בשמחה צוזאַמען מיט יראת שמים, האָט ער געברענגט אַ גאָר טייערע גלאָז און ער האָט דאָס צעבראָכן, אַזוי זענען זיי געוואָרן אַביסל צוגעלייגט, אַזוי איז געוואָרן אַ 'גילוי ברעדה'.

דאָס איז די פּשוט'ע פּשט פון דער גמרא, אָבער דער חידושי הרי"ם לערנט פּשט טיפער, אַז מר בריה דרבינא האָט מורא געהאַט אַז די שמחה וועט מאַכן אַז מען זאָל חלילה פאַרגעסן 'ווער עס האָט זיי געגעבן די שמחה', דערפאַר האָט ער האָט צעבראָכן אַ טייערע גלאָז אַז זיי זאָלן געדענקן אַז אין איין סעקונדע קען די גאַנצע שמחה בטל ווערן, פונקט ווי די גלאָז איז געוואָרן צעבראָכן פון איין מינוט אויף דער אַנדערער. ווי ס'האָט שוין פּאַסירט ביי חתונות, ווען אַלעס קוקט אויס אַזאַ הצלחה, אָבער אין איין סעקונדע פּאַסירט עפּעס חלילה און די גאַנצע שמחה ווערט בטל.

### זיך בוטח זיין במקרי הטבע ברענגט אויטאָמאַטיש אַ הפסד

לויט דעם יסוד פאַרשטייען מיר בעסער די ווערטער פון דעם 'חובת הלבבות' אין זיין פּתיחה צום 'שער הבטחון'. צוערשט האָט דער חובת הלבבות מסביר געווען אַז אַ מענטש זאָל זיך נישט איינרעדן אַז אויב ער פאַרלאָזט זיך נישט אויפ'ן אויבערשטן האָט ער בכלל נישט קיין בטחון אין גאָרנישט, מאַך נישט דעם טעות! דו ביזט זיך אַלעמאָל בוטח אין עפּעס! אויב מען האָט נישט קיין בטחון אין השי"ת האָט מען בטחון אין אַנדערע מענטשן אָדער אין די אייגענע חכמה און כוחות, וואָס דעמאָלט ווערט מען איבערגעגעבן פאר די 'מקרי הטבע'.

אַצינד פירט דער 'חובת הלבבות' אויס אַז אויב מען גייט חלילה אַוועק פון דעם אויבערשטן און מען איז זיך בוטח אין די טבע, דעמאָלט גייט מען אויטאָמאַטיש אַוועק פון די אייגענע חיות, און דעמאָלט וועט די 'פּועל יוצא' דערפון זיין אַז די הצלחה וועט קאַליע גיין. דאָס איז פּשוט איינס מיט איינס! נאר היות מ'זעט עס נישט אַלעמאָל אַזוי קלאָר אין דער בריאה, דאַרף דער חובת הלבבות דאָס אויסשמועסן: זיי זיך מתבונן וועסטו זען אַז אַזוי גייט עס! אַמאָל געדויערט דאָס טאַקע הונדערטער יאָר, אַזוי ווי ביי די 'בני גד ובני ראובן', אָבער דאָס איז דער כלל אַלעמאָל!

# אסרו חג סוכות

## כי הוא לנו עוז ואורה;

### וויאַזוי צו פּראַווען "שמחת תורה" אין די קאַלטע ווינטער טעג

יום רביעי בראשית, כ"ג תשרי, תשפ"א

### א

## וימת שם משה עבד ה'; לאָמיר ריכטיג אָפּלערנען די לעצטע פּסוקים פון דער תורה הק'

### דער באַשעפער פון 'אתה חוננתנו' איז דער זעלבער באַשעפער פון 'אתה בחרתנו'

מען דערציילט אַז הרה"ק רבי **משה לייב סאַסובער** זי"ע האָט אַמאָל געזען מוצאי שמחת תורה, ווי די חסידים זענען אַביסל צעבראָכן און אומעטיג, אַז נאָך אַזעלכע דערהויבענע הייליגע טעג גייט מען צוריק אַריין אין דער קאַלטער ווינטער. האָט ער זיי געזאָגט: "**דער באַשעפער פון 'אתה חוננתנו' איז דער זעלבער באַשעפער פון 'אתה בחרתנו'**"...

דאָס הייסט אַז די אהבת השי"ת וואָס אידן שפּירן אין די דערהויבענע טעג, ווען מען לעבט מיט דעם געפיל פון "אהבת בנו ורצית בנו", **דאָס איז ווייטער ממשיך יעדן איינציגן טאָג פון דאָס יאָר, אויך דורכאויס דעם לאַנגען ווינטער!** מען זאָגט טאַקע אין דעם נוסח התפלה "אתה חוננתנו" אַנשטאָט "אתה בחרתנו" אָבער **ס'איז דער זעלבער באַשעפער** און מ'קען אַלעמאָל זיין נאָנט צו אים.

דאָס לשון פון אַ צדיק אמת איז דאך אודאי נישט סתם אַ ווערטל, עס ליגט דערינען אַ געוואַלדיגע יסוד אין אידישקייט, מיט אַ לימוד וויאַזוי מיר קענען זוכה זיין צו מיטנעמען די הייליגע ימים טובים אויפ'ן גאַנצן ווינטער.

### די פליאה ביים לערנען די לעצטע פּסוקים אין דער תורה; וואו איז די ענדע ?

דאָס צו בעסער פאַרשטיין לאָמיר לערנען די 'קריאה' וואָס מען האָט געליינט 'שמחת תורה', וואָס דאָס איז נישט בלויז די 'סוף התורה', נאר עס איז דאָ דאָרט גרויסע יסודות וואָס קען אונז באַגלייטן אויף שטענדיג.

די לעצטע פּסוקים פון דער תורה איז איבער די פּטירה פון משה רבינו ע"ה, און אַז זיין תלמיד יהושע גייט אים איבערנעמען. די תורה הק' איז מספּיד משה רבינו "ולא קם נביא עוד בישראל כמשה".

### אַז מען טראַכט אַריין איז דאָ עטליכע גרויסע פליאות דאָ אין די פּסוקים:

ערשטנס, קוקט אויס לכאורה ווי די תורה האָט זיך געענדיגט אינמיטן אַ מעשה. די תורה הייבט זיך אָן מיט 'בראשית ברא אלקים'; מען לערנט וואָס איז געווען די ערשטע טאָג פון 'בריאת העולם', נאָכדעם די צווייטע טאָג, און אַזוי ווייטער; דערנאָך פאַרציילט די תורה פון אדם הראשון, פון נח, דאָס לעבן פון אברהם אבינו, יצחק אבינו, יעקב אבינו, ירידה למצרים, יציאת מצרים, קבלת התורה, אידן זיצן אין מדבר און מוטשען זיך דאָרט מיט נסיונות און פּרשיות פאר פערציג יאָר, ענדליך קומט מען אָן קיין 'עבר הירדן', נאָך לאַנגע פערציג יאָר, און יעצט ענדיגט זיך די מעשה אַז וואָס ?! עס שטייט נישט די המשך! עס שטייט נישט וואָס האָט פּאַסירט נאָכדעם!

אויב ווייל מען וויסן די המשך, דאַרף מען לערנען די 'הפטורה' פון 'וזאת הברכה', צו זען אַז אין נ"ך ווערט ווייטער פאַרציילט אַז אידן זענען טאַקע אַריין קיין ארץ ישראל דורך 'יהושע בן נון ביז מען האָט געבויעט דעם בית המקדש. אָבער די תורה דערציילט דאָס נישט. ס'איז אַזוויי איינער פאַרציילט אַ מעשה, די שומעים וואַרטן צו הערן, נו, וואָס איז געשען צום סוף?! די הייליגע תורה איז דאך 'תורת ה' תמימה', ס'איז אַ שלימות, פאַרוואָס שטייט נישט דעם המשך וויאַזוי אידן זענען אַריין קיין ארץ ישראל?!

## נאָך אַ תמיהה; דאָס הסתלקות פון משה רבינו ע"ה

נאָך ווערט שווער אַ תמיהה, אַז לכאורה ענדיגט זיך די תורה מיט זייער אַ פאַרוויטאָגטע ענדע, וויאַזוי משה רבינו האָט נישט געקענט אַריינגיין אין ארץ ישראל און ער איז נפטר געוואָרן דאָרט אין מדבר.

משה רבינו איז דאך געווען דער געטרייער פאַסטוך וואָס האָט באַגלייט אידן אין אַלע מצבים, ער האָט זיי געהאָלפן און געראַטעוועט ביי יעדן פּראָבלעם, און למעשה איז אונטערגעקומען אַ פרשה מיט 'מי מריבה' און ער איז נענש געוואָרן. דאָס קוקט דאך אויס ווי אַ פאַרוויטאָגטע ענדע: דער סוף איז געווען אַז משה רבינו האָט נישט געקענט אַריינגיין אין ארץ ישראל און מיט דעם ענדיגט מען, חזק חזק ונתחזק... דאָס איז דער רושם וואָס דאַרף בלייבן נאָכ'ן ענדיגן די תורה?! אַז ס'האָט טאַקע נישט געקלאַפּט און ס'איז געווען אַן ענין פון אַ חטא וואָס דעריבער האָט ער געמוזט נסתלק ווערן, און: "דאָס איז עס, וואָס קען מען טון?"...

די תורה הק' איז דאך געשריבן דורך השי"ת אליינס מיט אַזאַ קלאָרקייט, עס קען נישט זיין אַז דאָס איז די פשוט'ע ענדע, ווייל אפילו, להבדיל רבבות אלפי הבדלות, אַ מענטש וואָס מאַכט אַ ספר, וואָלט קיינמאָל נישט געענדיגט מיט אַזאַ סאָרט אופן. איז דאך זיכער אַז דאָ ליגט עפּעס אַ טיפע און וויכטיגע לימוד, ווי דאָס וואָרט 'תורה' איז טייטש: ס'איז אַ לערנונג, וואָס מיר דאַרפן זיך אָפּלערנען פון די פסוקים.

## וויאַזוי זענען די פסוקים אַ השלמה צו 'קבלת התורה'?

דריטנס איז שווער: מיר ווייסן וואָס רש"י פרעגט אין אָנהויב פרשת בראשית אַז באמת וואָלט די תורה זיך געדאַרפט אָנהויבן מיט די פרשה פון 'החודש הזה לכם', ווייל דאָרט הייבט זיך אָן די מצוות. די תורה איז דאך געגעבן געוואָרן ווייל דער אויבערשטער וויל אונז לערנען וויאַזוי אַ איד דאַרף לעבן, וואָלט די תורה זיך געדאַרפט גלייך אָנהייבן מיט די תרי"ג מצוות און נישט מיט די מעשיות פון בריאת העולם און ווייטער.

רש"י ענטפערט דאָרט אַז **כדי צו זיין אַן אמת'ער איד דאַרף מען אויך וויסן די מעשי בראשית און די מעשי אבות**, ווייל אַלעס וואָס שטייט אין דער תורה איז אַז דורכדעם זאָל מען אָנקומען צו אַ געוויסע נקודה פון אמונה בה', ווי חז"ל זאָגן אויפ'ן פסוק 'בראשית ברא אלקים', אַז "**בראשית - בשביל ישראל שנקראו ראשית ובשביל התורה שנקראת ראשית**". די גאַנצע תכלית פון דער בריאה איז אַז אידן זאָלן פאָלגן די תורה! דערפאַר האָט די תורה זיך קודם אָנגעהויבן מיט דעם חלק פון אמונה, וויאַזוי די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן און וויאַזוי די אבות הק' האָבן געלעבט, ביז די תורה קומט אָן צום שפּיץ, ווען אידן זענען אַרויס פון מצרים און מען האָט מקבל געווען די תורה אויפ'ן באַרג סיני.

דאָס איז אַזוויי מען לערנט אַ סוגיא, מען הייבט אָן מיט הקדמות, דערנאָך קומט מען אָן צום תכלית, וואָס דאָס איז אין פרשת יתרו ביי '**קבלת התורה**'; דאַן איז דאָ 'פרשת משפטים', די דינים פון דער תורה; דערנאָך לערנט מען די פרשיות פון 'תרומה, תצוה' וויאַזוי מען האָט געבויעט אַ משכן; די פרשיות פון 'ויקרא' מיט די הלכות פון קרבנות, א.א.וו. אַלעס גייט מיט אַ געוויסע סדר, אַז אַ איד זאָל זיך לערנען וויאַזוי צו לעבן מיט קיום התורה והמצוות.

אָבער ווען עס קומט צו דעם סוף התורה, ענדיגט זיך דאָס אַז משה רבינו איז נסתלק געוואָרן און דאָס איז געווען דער סוף. ווען די תורה וואָלט געווען אַרום משה רבינו'ס לעבן וואָלט עס גראדע יאָ זייער שיין געשטימט אַז די לעצטע עטליכע פרקים רעדן איבער וויאַזוי משה רבינו געזעגנט זיך פון דער וועלט, ווייל די אַלע פרשיות איז געווען אין דעם לעצטן טעג פון משה רבינו ווען ער האָט צאַמגענומען די אידן און זיי געזאָגט מוסר. אָבער די תורה איז דאָך דער תכלית הבריאה, די תורה איז געמאַכט אונז צו לערנען אַ וועג וויאַזוי צו לעבן און פאָלגן דעם רצון ה', אויב אַזוי איז שווער, וויאַזוי איז די הסתלקות פון משה רבינו די תכלית און סוף פון 'בראשית ברא' און 'קבלת התורה'?!

## די דריי שאלות וואָס קומען אַרויף ביים לערנען די פסוקים

אַלעמפאַלס איז דאָ פאַראַן דריי סאָרט תמיהות, וואָס קען אַרויפקומען אויב מען לערנט בפשטות די פסוקים פון ענדע 'וזאת הברכה'.

א. מצד אידישע קינדער: פאַרוואָס פאַרציילט נישט די תורה וויאַזוי ס'האָט זיך געענדיגט דער סוף פון דעם סיפור אַז זיי זענען למעשה אַריין קיין ארץ ישראל.

ב. מצד משה רבינו: פאַרוואָס ענדיגט מען מיט אַזאַ פאַרוויטאָגטע זאַך אַז משה רבינו האָט נישט מצליח געווען און ער איז געבליבן אין מדבר.

ג. מצד די תכלית פון דער גאַנצער תורה: וויאַזוי זענען די פסוקים אַן השלמה צו דעם 'בראשית ברא' און צו דעם 'קבלת התורה', וואָס וויל די תורה אַרויסברענגען פאַר אונז און וואָס איז דער לימוד דערפון?!

ב

# צדקת ה' עשה ומשפטיו עם ישראל; משה רבינו איז אָנגעקומען צו דעם סאַמע גרעסטן תכלית הבריאה

## די הויכע מדריגה פון "אשר ידעו ה' פנים אל פנים"

דער אמת איז אָבער אַז די לעצטע עטליכע פסוקים פון דער תורה דאַרף מען גוט לערנען מיט די מפרשים, ווייל דאָרט ליגט גאָר געוואַלדיגע יסודות, וואָס קען באַגלייטן אַ איד אויפ'ן גאַנצן לעבן. דאָס איז אַ הספד אויף משה רבינו וואָס אויב מ'לערנט דאָס גוט אָפּ, מיט'ן **רמב"ן** און דעם **אור החיים הק'**, שטייט דאָרט זייער קלאָר דער תירוץ אויף די אַלע שאלות.

דער פסוק זאָגט: "**ולא קם נביא עוד בישראל כמשה אשר ידעו ה' פנים אל פנים**" - ס'איז נישט געווען, נישט פאַרדעם און נישט נאָכדעם, אַזאַ סאָרט מדריגה פון נבואה אַזוויי משה רבינו וואָס האָט געקענט כביכול דעם אויבערשטן 'פנים אל פנים'. נאָכדעם זאָגט דער פסוק: "**לכל האותות והמופתים אשר שלחו ה' לעשות בארץ מצרים לפרעה ולכל עבדיו ולכל ארצו, ולכל היד החזקה ולכל המורא הגדול אשר עשה משה לעיני כל ישראל**". - און רש"י זאָגט אויפ'ן פלאַץ: "**לעיני כל ישראל - שנשאו לבו לשבור הלוחות לעיניהם, שנאמר** (עקב ט, יז) **ואשברם לעיניכם, והסכימה דעת הקב"ה לדעתו, שנאמר** (כי תשא לד, א) **אשר שברת, יישר כחך ששברת**."

דער הייליגער **רמב"ן** אויפ'ן פסוק "אשר ידעו ה' פנים אל פנים" איז מפרש אַז נישט בלויז האָט משה רבינו זוכה געווען צו דער מדריגה, נאָר די תורה ברענגט אַרויס אַז משה רבינו האָט אַזוי שטאַרק אויפגעהויבן כלל ישראל אַז אויך אידישע קינדער זענען צוגעקומען צו דער גרויסער השגה ביי 'מתן תורה'. ס'איז טאַקע נישט געווען אַזוי אָפּן די זעלבע מדריגה פון משה רבינו, אָבער דער "ידעו ה' פנים אל פנים" קען געזאָגט ווערן אויך אויף אידן.

## די גרעסטע שבח אויף משה רבינו; ער האָט אויפגעהויבן אידן

אויך אויף דעם קומענדיגן פסוק פון "לכל האותות והמופתים" זאָגט דער **רמב"ן** אַ מורא'דיגער יסוד:

אַלע מפרשים פרעגן פאַרוואָס מאַכט די תורה אַזאַ עסק פון די 'אותות ומופתים' פון משה רבינו, אַלע אַנדערע נביאים האָבן דאך אויך געמאַכט פאַרשידענע אותות ומופתים?! ס'איז דאָ דערויף עטליכע פשטים, אָבער דער רמב"ן איז מסביר אַז די גרעסטע מופת וואָס משה רבינו ע"ה האָט באַוויזן איז געווען אַז ער האָט אויפגעהויבן אידישע קינדער אַז זיי זאָלן קענען צוקומען צו אַזאַ גרויסע דביקות אין השי"ת 'פנים אל פנים'!

ווען מען גייט מספיד זיין משה רבינו, זאָגט אונז די תורה: "**ווייסט וואָס משה רבינו האָט געטון?! ער האָט גענומען אידן און זיי אויפגעהויבן צום אויבערשטן!**".

פון אַלע הייליגע השגות און מדריגות וואָס משה רבינו האָט זוכה געווען דערמאַנט די תורה די סאַמע שפּיץ 'אותות ומופתים' אַז ער האָט געקענט ברענגען אידן צו מתן תורה, כדי צו קענען שטיין ביים באַרג סיני האָבן זיי דאָך געדאַרפט זיין אין דעם ריכטיגן מצב, און **משה רבינו**, **דער געטרייער פּאַסטוך, האָט גענומען זיין ציבור און ער האָט זיי אויפגעהויבן!** ער האָט מרומם געווען דאָס אידישע פאָלק אַז זיי זאָלן קענען משיג זיין און הערן דעם 'אנכי ה' אלקיך'!

## די געוואַלדיגע בטחון וואָס אידן האָבן געהאַט אין מדבר בזכות משה רבינו

אָט דאָס הייסט אַ מנהיג ישראל וואָס האָט מצליח געווען צו טון זיין תפקיד בשלימות! אַז משה רבינו האָט געמאַכט אַז אידן זאָלן קענען האָבן 'מן' אין מדבר פערציג יאָר, דאָס איז אַ מופת? ניין, די ריכטיגע מופת איז אַז ער האָט אויפגעהויבן אידן צו האָבן אַזאַ מדריגה אין בטחון וואָס מיט זייער בטחון האָבן זיי ממשיך געווען 'לחם מן השמים'! ביז'ן היינטיגן טאָג ווען מיר ווילן זוכה זיין צו שפע לערנען מיר 'פּרשת המן' און מען מען איז זיך מתבונן דערינען, צו משיג זיין אַביסל פון די בטחון וואָס אידן האָבן דעמאָלט געהאַט!

**חז"ל** זאָגן דאָך (מכילתא בשלח טז, ד) **"לא נתנה תורה לדרוש אלא לאוכלי המן"**, וואָס באַדייט אַז די 'אוכלי המן' זענען געווען אויף אַזאַ הויכע מדריגה אַז זיי האָבן געקענט זוכה זיין צו באַקומען די תורה, ווייל אַ מענטש קען נישט באַקומען אַזאַ אָפּענע הנהגה פון 'לחם מן השמים' בלויז אויב ער איז אין גאָר הויכע מדריגות פון בטחון, און דאָס האָבן אידן דעמאָלט זוכה געווען!

## די הסתכלות פון אַ בר דעת אויף אַן אדם גדול

מיט דעם יסוד פאַרשטייט מען זייער גוט די לעצטע פּסוקים פון דער תורה, אַז דוקא דאָס ברענגט אַרויס די שלימות פון אידישע קינדער און די געוואַלדיגע תכלית פון משה רבינו'ס לעבנסטעג.

לאָמיר נעמען אַ משל פון אַזעלכע מענטשן וואָס זענען ליידער ווייט פון תורה ומצות, אָדער גוים, וואָס באַשרייבן די פּטירה פון אַ גרויסער גדול וצדיק, וועלן זיי געווענליך שרייבן: "דער רב איז אַוועק פון דער וועלט אין דער געוויסער שפּיטאָל, צוליב אַ האַרץ קאָמפּליקאַציע... ער האָט איבערגעלאָזט אַזויפיל קינדער און אַזויפיל אייניקלעך". זיי וועלן אַלעמאָל לייגן אַ דגוש אויף זייטיגע נאַרישע פּרטים וואָס זענען בכלל נישט די נקודה; זיי וועלן רעדן פון אַלע אַרומיגע זאַכן ווייל זיי דערהערן נישט דעם עיקר. וואָס איז יעצט אַ חילוק אין וואָס פאַראַ שפּיטאָל ער איז נפטר געוואָרן און פון וואָס פאַראַ מחלה?! דו באגרייפסט דאָך נישט ווער דער איד איז געווען! **ס'איז יעצט אַ נפקא מינה גענוי די אַלע זייטיגע דעטאַלן?!** די נקודה איז דאך אַז ער האָט אַריינגעברענגט דעם אויבערשטן אין אַזויפיל אידישע הערצער!

וויפיל מער דער מענטש איז פאַרנומען צו רעדן פון זייטיגע טפל'דיגע זאַכן, **איז ער מער מגלה דעת אַז ער האָט בכלל נישט דערהערט דאָס גרויסקייט פון דעם נפטר** און די קלאַפּ וואָס די וועלט האָט געכאַפּט מיט זיין פּטירה.

אפילו צווישן מענטשן וואָס פאַרשטייען יאָ, איז אויך די מדריגות דערינען. ס'איז דאָ איינער

# דער מענטש פאַרשטייט אָבער נישט; מ'דאַרף טאַקע ברענגען פּרנסה, פּיין, מסכים, אָבער וואָס האָט דאָס מיט אידישקייט?!

וואָס באַגרייפט אַביסל מער דאָס חשיבות פון דעם צדיק, וועט ער רעדן וואָס פאַראַ גרויסער ציבור חסידים און תלמידים ער האָט געהאַט, וואָס דאָס צייגט אַז ער האָט געהאַט וואָס צו פאַרקויפן תורה מיט יראת שמים. ווידער איינער וואָס פאַרשטייט נאָכמער, וועט רעדן פון די טיפערע נקודה, אַז **דער צדיק האָט געהאַט אַ כח צו אויפהייבן אידישע קינדער**, און אַרויסנעמען מענטשן 'מבירא עמיקתא' זיי זאָלן נתעלה ווערן 'לאגרא רמא'.

## די גרעסטע שבח אויף משה רבינו; ער האָט אויסגעפירט זיין תפקיד

ווען די תורה איז מספּיד משה רבינו ברענגט די תורה אַרויס זיין גרעסטע שלימות'דיגע תכלית אַז ער האָט באַקומען אַ תפקיד, אַ שליחות, פון דעם אויבערשטן, אַז ער זאָל זיך אָפּגעבן מיט אידישע קינדער, **און ער האָט עס טאַקע געטון בשלימות!** ער האָט געהאַט די גרעסטע הצלחה וואָס קען זיין אויף דער וועלט!

איי, ער האָט נישט זוכה געווען צו אַריינגיין קיין ארץ ישראל?! דאָס איז נישט געווען זיין תכלית! ווי עס שטייט שוין אין **חז"ל** און אין אַלע **ספרים הק'**, אַז אַזוי האָט געדאַרפט זיין! דער **אור החיים הק'** רעדט אויך דערפון אַז דאָס איז געווען לטובתו און לטובת אידישע קינדער אַז משה זאל דוקא נישט אַריינגיין קיין ארץ ישראל, נאר ס'איז אַלעמאָל דער סדר אַז פון הימל איז מען דאָס מלביש אין אַן ענין פון אַ 'חטא' און אן 'עונש', אָבער באמת איז דאָס שוין געווען אַ חלק פון דער סדר הבריאה אַז ער זאל בלייבן אין מדבר און נישט גיין מיט אידן אין ארץ ישראל.

## דער געטרייער פּאַסטוך אין מצרים

משה רבינו איז אויסגעקליבן געוואָרן דורך השי"ת אַז ער זאָל פירן אידן אין דער שווערער תקופה ווען זיי זענען געווען אין מצרים. ער האָט אויפגעהויבן אידן אפילו ווען זיי זענען געווען אינגאַנצן פאַרלוירן און נידערגעשלאָגן 'מקוצר רוח ומעבודה קשה'. ס'איז זיי געווען אַזוי פינסטער, נאָך 210 יאָר אין גלות; **זייערע זיידעס האָבן שוין נישט געדענקט וואָס הייסט דאָס 'זיין פרייע מענטשן'!**

די אידן אין מצרים זענען געווען ענליך צו אונזער מצב היינט אין גלות, וואָס דער גלות איז אַ חלק פון אונזער לעבן ליידער, אודאי גלייבן מיר אַז משיח זאל שוין קומען, אָבער מען לעבט נישט מיט אַזאַ פאַרביטערטקייט און בענקשאַפט צום בית המקדש. אין מצרים האָבן אידן אויך אַזוי אויסגעקוקט, נאָך אַסאַך אַרגער, ווייל מען האָט זיי געפּייניגט און זיי זענען געווען קנעכט. **משה רבינו איז אַרומגעגאַנגען פון איין איד צום אַנדערן און ער האָט זיי מחזק געווען**, ער האָט זיי געשטאַרקט: "גלייבט אַז ס'איז דאָ אַ באַשעפער, דאַוונט צו אים, ער האָט צוגעזאָגט אַז ער גייט אונז אַרויסנעמען פון דאָ".

## דער 'רועה נאמן' אין מדבר

דאָס זעלבע שפּעטער, נאָך יציאת מצרים, האָט משה רבינו ווייטער געפירט אידישע קינדער מיט אַזאַ געטריישאַפט, **ער האָט זיי אָנגעגרייט אַז זיי זאָלן זיין ראוי צו 'קבלת התורה'**, און דערנאָך איז ער געווען מיט זיי פערציג יאָר אין מדבר, במשך די אַלע נסיונות און פּרשיות פון מרגלים, עדת קרח, מתאוננים, א.א.וו. איז ער מיטגעגאַנגען מיט אידן און זיי אויפגעהויבן.

## די גרעסטע מעלה פון משה רבינו אַלס אמת'ער מנהיג ישראל

דאָ איז די תורה מעיד: וואָס איז געווען די שטאַרקסטע מעלה פון משה רבינו? ביי יעדע צדיק וואָס מ'רעדט פון זיינע מדריגות איז דאָ איין געוויסע שפּיץ נסיון וואָס דאָס האָט אים געברענגט צו אַלע מדריגות. אַמאָל איז דאָ ווען מענטשן רעדן איבער דאָס גרויסקייט פון אַ צדיק אַז ער האָט זיך געקאָכט אין אַ שבת וכדומה, קומט איינער און דערציילט: "איר ווילט וויסן די שפּיץ, די נקודה, פון זיין עבודה?! אַמאָל ווען ער איז געווען יונג, איז ער בייגעשטאַנען אַ נסיון שאין כדוגמתו, ער האָט אויפגעגעבן געלט און אַלעס אַנדערש, טראָצדעם וואָס ער האָט זיך געפינען בתוך החושך, דאָס האָט אים טאַקע שפּעטער געברענגט אַז ער זאָל זוכה זיין צו אַלע מדריגות אין די עלטערע יאָרן".

דאָס זעלבע פאַרציילט דאָ די תורה אַז **די גרעסטע שפּיץ נקודה פון משה רבינו'ס גדלות איז געווען אַז ער האָט אויפגעהויבן אידישע קינדער, ער האָט זיי געמאַכט ראוי צו מקבל זיין די תורה!** ער האָט זיי געמאַכט קענען השי"ת 'פּנים אל פּנים'! **ער האָט זיי געמאַכט האָבן אַזאַ בטחון צו קענען ממשיך זיין דעם 'מן'!** ער האָט זיי געברענגט ביז 'עבר הירדן' אַז זיי זאָלן קענען אַריינגיין אין ארץ ישראל!

## דאָס מסירת נפש פון 'שבירת הלוחות'

אָבער, נאָכמער זאָגט די תורה, אַז אפילו ווען אידן זענען געווען אין אַזאַ ביטערע מצב, ווען כמעט די גאַנצע מציאות פון כלל ישראל איז געווען אונטערגעגאַנגען, ביים גרויסן חטא העגל, האָט משה רבינו זיך מוסר נפש געווען און ער האָט צעבראָכן די לוחות, וואָס **דערמיט האָט ער געראַטעוועט כלל ישראל**, ווי ס'שטייט אין מדרש (שמות רבה מו, א) אַז אויב ער וואָלט נישט צעבראָכן די לוחות וואָלט 'לא היה נשאר משונאיהם של ישראל שריד ופליט'.

משה רבינו האָט נישט געוואוסט צי ער טוט ריכטיג, ער האָט נישט באַקומען קיין באַשטעטיגונג פון הימל אויב ער מעג צעברעכן די לוחות, אָבער ער האָט אַלעס איינגעשטעלט און **אַזוי האָט ער זיי מציל געווען ווען אידן זענען שוין געווען ביים ברעג פון כמעט פאַרפאַלן גיין חלילה**, ס'איז געווען אויס וועלט, אָבער בזכות זיין מסירת נפש זענען זיי ניצול

געוואָרן, און דער אויבערשטער האָט אים דערנאָך געזאָגט אַז ער האָט גוט געטון, **"יישר כח ששברת"**.

### די פּסוקים פון פּטירת משה רבינו איז די גרעסטע הצלחה וואָס איז שייך

קומט אויס אַז די לעצטע פּסוקים פון די תורה דערציילן **וויאַזוי משה רבינו האָט געהאַט די גרעסטע און העכסטע הצלחה וואָס קען זיין אויף דער וועלט!** משה רבינו האָט מצליח געווען צו טון די ריכטיגע זאַך, אפילו ביי אַזאַ פאַל וואָס מען האָט נישט געזאָגט וויאַזוי ער זאָל זיך פירן, ער האָט צעבראָכן די לוחות אפילו דער אויבערשטער האָט אים נישט געוויזן וואָס צו טון! ווייל **ער האָט משיג געווען וואָס איז די באַדייט פון אידישע קינדער, ווי שטאַרק השי"ת האָט זיי ליב**, און דערפאַר האָט ער געטון אַ מסירות נפש זיי צו אויפהייבן און צוריקברענגען צום אויבערשטן!

אָט דאָס הייסט 'לכל האותות והמופתים אשר עשה משה'! **אין די אַלע פּסוקים איז נישטאָ קיין וואָרט וואָס ברענגען אַרויס אַ משמעות פון פאַרביטערקייט אַז משה רבינו האָט חלילה נישט גוט געענדיגט זיין לעבן חלילה!**

ער איז טאַקע נישט אַריין אין ארץ ישראל, ווייל ער האָט שוין נישט געדאַרפט אַרייַנגיין! דאָס האָט שוין באַלאַנגט פאר 'יהושע', ווייל ס'איז שוין געווען אַ קומענדיגע תקופה. אַ תקופה וואָס אידישקייט האָט זיך נישט 'געבויעט' נאר אידישקייט האָט זיך ווייטער 'געפירט'. אידישקייט האָט זיך נישט געבויעט ווען אידן האָבן שוין געהאַט דעם בית המקדש און זענען געזיצן 'איש תחת גפנו ואיש תחת תאנתו', דאָס איז שוין געווען די 'המשכה' ווען אידישקייט האָט זיך געפירט על מי מנוחות. **דאָס אויפבויען 'כלל ישראל' אַלס אַ אידישע פאָלק, דאָס איז געווען אין מדבר, דורך די אַלע נסיונות וואָס זיי האָבן דאָרט געהאַט, אַזוי איז געוואָרן אַ תורה!**

די תורה הק' פאַרציילט נישט וויאַזוי אידן זענען אַריין אין ארץ ישראל, ווייל די תורה רעדט נישט וועגן דעם 'שכר'. דאָס איז שוין די מתנה וואָס דער אויבערשטער גיט פאר אַ איד וואָס איז נאָנט צו אים. **אָבער נישט דאָס איז די תכלית פון קיום התורה!** די ריכטיגע הצלחה און די גאַנצע תכלית פון דער תורה איז **ווען אידן זענען זוכה צו מקיים זיין די תורה**, 'בראשית בשביל תורה שנקרא ראשית', און **דאָס האָט משה רבינו מצליח געווען צו טון מיט כלל ישראל!**

ג

# למען אנסנו; די גאַנצע תורה איז פול מיט נסיונות ווייל דאָס איז דער ריכטיגער תכלית

### די נאַרישע בליק פון אַ דרויסנדיגער אויף דאָס אידישע לעבן

אויב איינער מיינט בטעות אַז דוקא ווען אידן זיצן רואיג 'תחת גפנו ותאנתו', און זיי טאַנצן מיט דער תורה אום שמחת תורה, בלויז דאָס איז די הצלחה פון כלל ישראל, גייט ער טאַקע אַוועק אינגאַנצן צעבראָכן ווען עס ענדיגט זיך אַזאַ געהויבענע 'שמיני עצרת' און 'שמחת תורה'.

לאָמיר זיך פאַרשטעלן אַ מענטש וואָס האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען קיין אידישקייט און מען וויל אים וויזן עטליכע סאָרט מצבים, ער זאָל פאַרשטיין וואָס איז דאָס כלל ישראל;צוערשט נעמט מען אים אַריין אין בית המדרש שמחת תורה און מען זאָגט אים: "קוק וואס דאָס איז די אידישע פאָלק!". **אידן זענען אויסגעטון פון גשמיות, מען טאַנצט מיט דער תורה, מ'איז דאך אַזוי הויך און דערהויבן**, ס'איז נישטאָ קיין ווערטער צו אַרויסברענגען די קרבת אלקים וואָס אידן האָבן אין אַזעלכע הייליגע טעג פון חודש תשרי ווען מען מאַכט אַ קרוין פאַר'ן אויבערשטן! אָנגעהויבן פון ראש השנה, יום הקדוש און דערנאָך דער "ימינו תחבקינו" פון סוכות און שמיני עצרת.

דער פרעמדער מענטש ווערט טאַקע אויסער זיך פון התרגשות, ער זעט וויאַזוי אידן קענען זיך אַזוי דערהייבן, ווי הויך אידישע קינדער קומען אָן, ער שפּירט בחוש דעם 'אתה בחרתנו מכל העמים'!

אָבער נאָך די גאַנצע מעשה זאָגט מען אים:**"ס'איז נישט 'חודש תשרי' אַגאַנץ יאָר, ס'איז דאָ נאָך מצבים אין אידישקייט"**... מען ווייזט אים וויאַזוי אַ אינגערמאַן שטייט, ערגעץ אינמיטן חודש טבת, אָנגעטון מיט די אַרבעט קליידער, און ער איז עוסק על המחי' ועל הכלכלה, ער איז פאַרנומען אויפ'ן טעלעפאָן, און מ'זאָגט פאר דעם פרעמדן מענטש: **"זעה, דאָס איז נאָך אַ חלק פון אידישקייט"**. דער מענטש פאַרשטייט אָבער נישט; מ'דאַרף טאַקע ברענגען פּרנסה, פּיין, מסכים, אָבער **וואָס האָט דאָס מיט אידישקייט?!**

שפּעטער ווייזט מען אים אַסאַך אַנדערע סאָרט מצבים. צום ביישפּיל וויאַזוי אַ פאַרפאָרעטע אידישע מאַמע מוטשעט זיך און לויפט אַרום צו אויפציען אירע קליינע קינדער, זי גיט זיך נישט קיין עצה געהעריג. ווען ער זעט אַזאַ בילד זאָגט ער: "אָקעי, איך האָב אַלעמאָל געהערט אַז די 'חרדים' מוטשען זיך צו האָדעווען גרויסע משפּחות, ס'קומט נישט אָן אַזוי גרינג"... אָבער ער זעט נישט די גרויסע קרבת אלקים וואָס ליגט דאָ.

דאַן ווייזט מען אים אַ גאַנצע קבוצה פון חסידיי'שע בחורים וואָס דאַרפן פארן אונטערוועגנס אָבער זיי טוען אַלע אויס די ברילן און שפּאַצירן מיט אַ יראת שמים און מיט אַ שמירת עינים. דער פרעמדער מענטש ווערט נשתומם פון זייער ערליכקייט אָבער ער זעט נישט וויאַזוי מ'ווערט דורכדעם דערהויבן מיט אַ קרבת אלקים.

### די תורה איז דירעקט נישט אויסגעשטעלט אַז ס'זאָל זיין אַלעמאָל יום טוב

וואָס איז דער טעות פון דעם מענטש?! אַז ער האָט פּשוט נישט קיין שום מושג וואָס איז דאָס אידישקייט! **דער אויבערשטער האָט נישט באַשאַפן די וועלט, בראשית ברא אלקים, כדי עס זאָל זיין אַ 'שמחת תורה'!** אויב דאָס וואָלט געווען די כוונת הבריאה וואָלט עס געווען אַ גאַנץ יאָר אַזוי! דער אויבערשטער וואָלט נישט באַשאַפן די אַנדערע 364 טעג פון ימות החול מיט אַלע נסיונות!

פאַרוואָס האָט דער רבוש"ע נישט געמאַכט אַז ס'זאָל זיין דריי מאָל אַ וואָך 'שמחת תורה' אַז מען זאָל זיך אַלעמאָל פרייען מיט דער תורה און זיין דערהויבן?! **לכאורה וואָלט דאך געווען אַסאַך אַ שענערע כלל ישראל ווען ס'איז מער אָפט שמחת תורה?!** פאַרוואָס האָט ער אונז אַרייַנגעלייגט אין אַזעלכע מצבים און נסיונות, אַז מען זאָל כסדר דורכפאַלן און זיך דערמאַנען אַז ס'איז דאָ אַ באַשעפער אויף דער וועלט; מען זאָל דאַרפן זאָגן תהלים און זיך נאָכאַמאָל אויפהייבן?! איבערהויפּט אַז עס קומט אַזאַ לאַנגע ווינטער, דאָס יאָר איז אפילו אן 'עיבור יאָר'... און עס הייבט זיך אן אַ רוטין פון 'וואך נאָך וואך' ווען ס'איז אַזוי שווער אַז דער מח זאל כאַפּן אַביסל קרבת אלקים?!

### אַ בליק אין די פּרשיות התורה איז אונז מגלה דעם תכלית התורה

אַ איד וואָס פרעגט אַזאַ שאלה, זאָגט מען אים: **ס'איז טאַקע אַ גוטע פראַגע, אָבער לאָמיר עפענען די תורה און זען וואָס איז אידישקייט!**

די תורה הייבט זיך אָן מיט 'בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ'. דערנאָך איז געווען 'ויכולו השמים והארץ', ווי דער **אור החיים הק'** איז מפרש אַז די גאַנצע בריאה איז משתוקק צום אויבערשטן און דאָס איז איר קיום. ווען דער מענטש לערנט דאָס, ווערט ער אַזוי דערהויבן, ער טאַנצט פון התרגשות, עס גייט קומען אַ תורה וואָס יעדע פּסוק גייט רעדן פון דביקות און נאָנטקייט צום אויבערשטן.

אָבער ס'גייט נישט דורך בלויז עטליכע פּסוקים, מען האַלט נאָך אינמיטן 'פּרשת בראשית', און ס'הייבט זיך אן... דער אויבערשטער האָט געגעבן איין מצוה פאר 'אדם הראשון' און ער איז שטאַרק דורכגעפאַלן. **מען האָט אפילו נישט געענדיגט די ערשטע פּרשה, און ס'איז שוין אַרויסגעקומען אַזאַ קללה פאר דער גאַנצער בריאה.** ס'איז אַ חורבן פאר די מענער 'וקוץ ודרדר תצמיח לך, בזיעת אפך תאכל לחם', ס'איז אַ חורבן פאר די פרויען 'בעצב תלדו בנים', ס'איז אַ חורבן פאר די בעלי חיים.

שוין, יעצט גייט מען צו 'פּרשת נח'. אָבער איידער מען הייבט אן די פּרשה, לערנט מען אַז די גאַנצע וועלט האָט זיך גענומען טון עבירות. "וירא ה' כי רבה רעת האדם בארץ וכל יצר מחשבת לבו רק רע כל היום". ס'איז געוואָרן אַ מצב פון 'גזל', 'חמס', 'עריות'. **מען האָט יעצט אָנגעהויבן לערנען די תורה. וויאַזוי איז דאָס אַלעס געשען אַזוי שנעל?!**

מען הייבט אן 'פּרשת נח', און ווייטער דאַרף מען חרוב מאַכן די וועלט. די וועלט איז געווען אַזוי אָנגעזעצט מיט עבירות אַז מען דאַרף דאָס חרוב מאַכן מיט'ן מבול.

שפּעטער גייט מען צו ׳פּרשת לך לך׳, וואו מען לערנט איבער אברהם אבינו. **ער האָט געהאַט איין נסיון נאָך דער אַנדערער;** ער האָט געדאַרפט גיין אין אַ פרעמדע לאַנד, מען האָט אים צוגענומען דאָס ווייב, ער האָט נישט געהאַט קיין קינדער, וכו׳.

אַזוי קען מען גיין ווייטער און ווייטער; יצחק אבינו האָט געהאַט נסיונות מיט די ׳בארות׳ און נאָך; יעקב אבינו האָט זיך אָפּגעמוטשעט אין לעבן מיט די צרות פון עשו און לבן; יוסף הצדיק האָט געהאַט נסיונות מיט די שבטים און נאָכדעם מיט אשת פוטיפר; דאָס גייט אַזוי פרשה נאָך פּרשה, ביז אידן זענען אָנגעקומען קיין מצרים און מען האָט זיי געפּייניגט דאָרט, אַלעס כדי זיי זאָלן אָנקומען צו ׳קבלת התורה׳.

ענדליך שטייט מען שוין ביים באַרג סיני, אבער בנשימה אחת, גלייך נאָך ׳מתן תורה׳ איז שוין געווען דער פגם פון ׳נרדי נתן ריחו׳. ס׳איז געווען אַזאַ שרעקליכער מיאוס׳ער דורכפאַל אַז מען ליינט עס מיט אַ נידריגע שטומע ביי ׳קריאת התורה׳, און ס׳איז געווען צדיקים וואָס האָבן ניטאַמאָל געוואָלט אַרויסזאָגן דאָס וואָרט, נאר ׳עיי״ן גימ״ל למ״ד׳.

די קומענדיגע סדרות לערנט מען וויאַזוי אידן זענען אין מדבר, וואו זיי האָבן געהאַט נאָך אַ נסיון און נאָך אַ נסיון. רוב מאָל איז דאָס נישט געווען באַ׳טעמ׳ט. מ׳איז אַסאַך דורכגעפאַלן, ביז מען ענדיגט די תורה, ווען אינצווישן איז געווען עטליכע מגיפות און עטליכע עונשים. דער גאַנצער דור המדבר, צווישן די צוואָנציג און זעכציג יאָר, איז געשטאָרבן און מדבר, און די תורה ענדיגט זיך מיט דעם חומש דברים וואו משה רבינו זאָגט מוסר פאר אידן.

וואָס איז געוואָרן מיט זייער אַריינגיין קיין ארץ ישראל?! **דאָס איז נישט נוגע!** די תורה זאָגט אונז: ״מען דאַרף ניטאַמאָל פאַרציילן דעם חלק ווייל דאָס איז נישט נוגע! אויב וויל מען דאָס וויסן קען מען לערנען ספר יהושע אין נ״ך צו זען אַז דער רבוש״ע האָט מקיים געווען זיין הבטחה, **אָבער מצד דער ׳לימוד׳, וואָס די תורה קומט אונז לערנען וויאַזוי צו מקיים זיין דעם רצון ה׳, איז דאָס נישט וויכטיג צו שטיין אין דער תורה!**

## נישט יעדע מעשה דאַרף האָבן אַן ענדע...

כעין זה פאַרציילט מען אַמאָל חסיד׳ישע מעשיות איבער דערהויבענע אידן וואָס האָבן זיך געפינען אין אַ צרה, זיי האָבן זיך פאַרלאָזט אויפ׳ן אויבערשטן און אויף די ברכה פונעם צדיק, און **מען פאַרציילט נישט די סוף פון די מעשה**, ווייל אויב מען דערציילט די ישועה ביי דער ענדע, דעמאָלט וואָס האָסטו געלערנט פון דער גאַנצער מעשה, אַז דער רבי קען מאַכן מופתים?! **נישט דאָס איז דער לימוד דאָ!**

ס׳איז דאָ אַזאַ סיפּור וואָס אַ חסיד פון הרה״ק **רש״ב פון ליובאַוויטש** זצ״ל האָט דערציילט אַז דער מהרש״ב האָט אים אַמאָל געהייסן משקיע זיין און קויפן אָקסן, ער האָט טאַקע אַזוי געטון אָבער נאָכדעם האָט ער דערלייגט זיין גאַנצע געלט, און וויאַזוי ענדיגט זיך די מעשה?! ״לחיים ולברכה!״... **דער לימוד פון די מעשה איז דער איד איז געבליבן אַ חסיד אפילו ער האָט פאַרלוירן זיין געלט צוליב דעם רבי׳נס ברכה!** ער איז נישט יעצט געוואָרן אויס חסיד, ווייל זיין קשר מיט׳ן צדיק איז נישט געווען געבויעט אויב ער גייט יאָ אָדער נישט מצליח זיין.

## דער שפּיץ לימוד פון דער תורה איז די ׳עמידה בנסיונות׳

אויף דעם זעלבן מהלך קען מען פאַרשטיין די פרשיות פון דער תורה הק׳: אויב וואָלט די תורה דערציילט אַז צום סוף זענען אידן אַריין קיין ארץ ישראל, וואָלט מען נישט דערהערט ריכטיג די מעשה! דאָס איז דען אידישקייט?! **אודאי איז ריכטיג אַז אויב דער אויבערשטער האָט מבטיח געווען וועט ער מקיים זיין די הבטחה, אָבער דאָס איז נישט די נקודה פון משה רבינו׳ס לעבן!** דאָס איז נישט וויאַזוי כלל ישראל בויעט זיך!

ווייסט וויאַזוי כלל ישראל בויעט זיך?! **דורך ׳לכתך אחרי במדבר׳!** ווען זיי האָבן זיך פאַרלאָזט אויפ׳ן אויבערשטן נישט האָבנדיג קיין עסן! ווען זיי האָבן געהאַט נסיונות, זיי זענען דורכגעפאַלן און נאָכדעם זיך נאָכאַמאָל גענומען צו דינען דעם אויבערשטן! **ווען זיי האָבן געוואוסט אַז אפילו נאָך אַ דורכפאַל גייט זיי דער אויבערשטער נישט אָפּלאָזן! דאָס איז די תורה!** דאָס איז דער תכלית פון אַלע פּסוקים אין דער תורה!

די ריכטיגע תורה איז ווען אַ איד פאַלט דורך אָבער ער כאַפּט זיך, ער האָט אַ מורא׳דיגע בושה פאַר׳ן אויבערשטן און ער נעמט זיך צוריק צו דינען השי״ת, **ווייל ער דערהערט גוט אַז דער אויבערשטער לאָזט אים נישט אָפּ!** ער ווייסט אַז דער רבוש״ע איז מיט אים נישט בלויז ווען ער זאָגט יום טוב ״אתה בחרתנו״, נאר אויך ווען ער זאָגט ״אתה חוננתנו״... **דער באַשעפער וואַרט אויף זיין תשובה אפילו ווען ער ווערט נכשל!** דער רבוש״ע שיקט אים אונטער רמזים, מענטשן וואָס זאָלן אים זאָגן פונקט די ווערטער וואָס ער דאַרף הערן צו קענען פאַררעכטן זיינע מעשים, ווייל דער אויבערשטער ווייסט אַז זיין גרעסטע גוטס בעולם הזה ובעולם הבא איז אַז ער זאָל ווערן נאָענט צו אים, ס׳איז נישטאָ קיין גבול וויפיל אַ מענטש קען זיך דערנענטערן.

## די וועלט איז אַ פּלאַץ וואו מען ווערט נכשל

אַז מען לערנט אָפּ די פרשיות התורה זעט מען אַז גלייך ווען דער רבוש״ע האָט באַשאַפן אַ וועלט, האָט ער באַשאַפן דעם ערשטן מענטש, אַז ער זאָל האָבן נסיונות. די נסיונות דאָ אויף דער וועלט זענען תיכף געווען זייער שווער, ווי עס שטייט ביים עץ הדעת ״נחמד למראה וטוב למאכל״.

מ׳קען דאָ זייער גרינג נכשל ווערן ווייל די נסיונות זענען געשמאַק און לייכט, און ס׳איז טאַקע אַזוי דער מציאות אַז כמעט ״אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא״! **דער רבוש״ע האָט נישט געמאַכט אַזאַ סאָרט וועלט וואו רוב מענטשן זענען מצליח און עטליכע נישט, ניין!** אפילו אונזערע מנהיגים זענען נישט געווען אַזעלכע וואָס זענען קיינמאָל נישט דורכגעפאַלן!

ריכטיג אַז ס׳איז טאַקע געווען איינצלנע וואָס האָבן מצליח געווען צו דורכגיין די וועלט אָן קיין שום חטא, אַזויווי בנימין בן יעקב, ישי בן דוד, און נאָך געציילטע אַנדערע (וואָס זענען אויסגערעכנט אין דער **גמרא**, מסכת ב״ב יז א). אָבער נישט דאָס איז די מעשה פון דער תורה!

דער אויבערשטער האָט געוואָלט אַן אַנדערע סאָרט וועלט! ער האָט באַשאַפן די בריאה מיט אַזאַ געוואַלדיגע חושך אַז ס׳איז כמעט אוממעגליך נישט צו דורכפאַלן! ער וואָלט געקענט מאַכן אַז דער יצר הרע זאָל זיין אַביסל שוואַכער, אָבער נישט דאָס איז געווען זיין רצון, ווייל דעמאָלט וואָלט נישט אַרויסגעקומען די תכלית פון דער בריאה אויף אַזאַ פאַרנעם ווי יעצט.

דער אויבערשטער האָט באַשאַפן אַזאַ וועלט וואו ס׳איז דאָ אַ גרויסער יצר הרע און ס׳איז טאַקע זייער גרינג נכשל צו ווערן, אָבער דאָס וועט ברענגען אַז צום סוף, ווען דער מענטש וועט זיך כאַפּן און תשובה טון, וועט ער אָנקומען צו אַן אמת׳ע ענוה. **אָה, דאָס איז גוטע סחורה! דאָס האָט דער רבוש״ע געוואָלט!** אַז דער איד זאל וויסן אַז ער האָט געזינדיגט און ער דאַרף טון אַזויפיל בלויז צו פאַררעכטן[א]. אַזאַ איד וועט דאַווענען מיט אַ הכנעה און אַ ביטול פאַר׳ן אויבערשטן, דאָס איז אַנדערש פון די תפלה פון אַ מענטש וואָס האָט נאָך קיינמאָל נישט געזינדיגט. יענע סאָרט דאַווענען איז ׳עפּעס נישט׳, ס׳האָט נישט די ריכטיגע ביטול און ענוה. **דוקא דורך די מכשולות קען מען צוקומען צום תכלית.**

די וועלט איז טאַקע פול מיט נסיונות, אָבער דאָס איז די גאַנצע תורה. **דורכדעם קען אַ איד אָנקומען אַזוי הויך!** די אהבה וואָס דער אויבערשטער האָט צו אַ איד איז נישט צו משיג זיין, דער אויבערשטער הייבט אים אויף און זאָגט אים: ״**קענסט צוקומען אויף זייער גרויסע מדריגות, אָבער ווער נישט צעבראָכן פון דיינע דורכפעלער, גיי ווייטער!**״.

ד

# לא נתפרש מנן ולא נפרוש ממך; די אהבה פון ׳אתה בחרתנו׳ באַגלייט אונז אין די טעג פון ׳אתה חוננתנו׳

## יעדן טאָג קען מען באַקומען חיות פון דעם יו״ט׳דיגער קרבת אלקים

דער רבוש״ע וויל אַז מיר זאָלן יעדן טאָג געדענקן די אהבה וואָס ער האָט אונז געוויזן ביי יציאת מצרים און ביי מתן תורה. ער וויל אַז אַ איד **זאל שעפּן פון דעם ״אתה בחרתנו״ די כוחות זיך צו מתגבר זיין אויף זיינע שוועריגקייטן אין די צייטן פון ״אתה חוננתנו״!**

אַ איד געפינט זיך ביי דער אַרבעט און ער

---

א. ראה ׳אמרי פנחס׳ שער הענוה (אותיות יח יט).

פירט זיך אָפּגעהיטן און אויסגעהאַלטן ווייל ער געדענקט דעם "אתה בחרתנו"! ווייל ער האָט היינט אינדערפרי געזאָגט "אני ה' אלקיכם אשר הוצאתי אתכם מארץ מצרים" און ער האָט זיך דערמאַנט אַז דער רבוש"ע האָט אים ליב מיט אַזאַ געוואַלדיגע אהבה פון אַ 'ידיד נפש אב הרחמן'. מ'זאָל זיך פארשטעלן די ליבשאַפט וואָס איז דאָ צווישן צוויי בעסטע גוטע פריינד שוין יאָרן לאַנג, אַסאַך מער פון די אהבת נפש האָט דער רבוש"ע אים ליב!

ווען ער געדענקט דאָס העלפט אים דאָס במשך די 'ימות החושך'! דאָס באַגלייט און הייבט אים אויף! **דער אויבערשטער גיט אונז ימים טובים אַז מיר זאָלן זיך דערמאַנען די אהבה כדי צו זיין אָנגעלאָדנט דערמיט אַגאַנץ יאָר**, 'והשיאנו ה' אלקינו את ברכת מועדיך לחיים ולשלום', דאָס וועט אונז העלפן פאר די אמת'ע אַרבעט אין די ווינטער טעג, בימות החול!

## דער תכלית הבריאה איז אַן עבודה פון מענטשן, נישט קיין עבודה פון מלאכים

די מלאכים האָבן נישט קיין 'ימות החול' און **טאַקע דערפאַר איז די תורה געגעבן געוואָרן פאַר אונז, און נישט פאר זיי!** דאָס איז געווען די שקלא וטריא וואָס דער אויבערשטער האָט געהאַט מיט זיי ביי קבלת התורה. זיי האָבן געפרעגט: "מה אנוש כי תזכרנו, תנה הודך על השמים" - פאַרוואָס גיט מען די תורה פאר מענטשן אויף דער וועלט?! האָט זיי דער אויבערשטער געענטפערט: **"יצר הרע יש ביניכם?! משא ומתן יש ביניכם ?!"**.

דאָס הייסט אַז צו זיין אַלעמאָל אין אַ מצב פון ראש השנה, יוה"ק און שמחת תורה, דאַרף דער אויבערשטער נישט האָבן מענטשן, **דאָס האָט ער אויבן אין הימל גענוג!** ער האָט דוקא געוואָלט אַז **מיר זאָלן האָבן שוועריגקייטן**, מיר זאָלן האָבן **מצבים פון חושך**, און טאַקע דאָרט אין די נסיונות זאָל מען געדענקן די ליכטיגקייט פון ראש השנה, יוה"ק און שמחת תורה! טאַקע דאָרט זאָלן מיר גוט אַריינעמען אין די ביינער די אהבה וואָס ער האָט ליב יעדן איד, און מיר זאָלן גוט פאַרשטיין ווי גוט ס'איז אַ לעבן פון 'קרבת אלקים לי טוב', **אַזוי וועט אויפגעהויבן ווערן אונזערע 'ימות החול'!**

ווען מען פרעגט די שאלה אַז דער רבוש"ע האָט געגעבן פאַר אידן די תורה און וואָס איז וואָס למעשה געשען דערנאָך? עס האָט מצליח געווען?! איז דער תירוץ אַז אודאי האָט זיך דאָס געענדיגט מיט דער גרעסטער הצלחה! משה רבינו האָט מצליח געווען! ער האָט אויפגעהויבן אידישע קינדער אויף אַזאַ דרגא, עד כדי כך אַז **אפילו אין מדבר האָבן זיי געדינט השי"ת אין אַלע שווערע מצבים פון דורכפעלער און נסיונות - "לכתך אחרי במדבר בארץ לא זרוע". אוי האָט עס מצליח געווען!** משה רבינו איז געווען אַ 'יליד אשה' און ער האָט מצליח געווען צו דינען דעם אויבערשטן אויף דער וועלט טראָץ אַלע שוועריגקייטן מיט אַזאַ געוואַלדיגע הצלחה.

# אַ איד געפינט זיך ביי דער אַרבעט און עַר פירט זיך אָפּגעהיטן און אויסגעהאַלטן ווייל עַר געדענקט דעם "אתה בחרתנו"!

## דאָס גדלות פון משה רבינו ביים בענטשן כלל ישראל לפני מותו

דער **אור החיים הק'** אין אָנהויב פרשת וזאת הברכה זאָגט אַזעלכע וואַרימע ווערטער, אַז אין דער פרשה שטייט משה רבינו יעצט ביים סוף פון זיין לעבן, ער האָט אַזאַ שטאַרקע השתוקקות אַריינצוגיין קיין ארץ ישראל אָבער ער גייט בלייבן אין מדבר. ווער האָט אים דאָס אַלעס גורם געווען?! די אידן וואָס האָבן אים נישט אויפגעהערט מוטשענען, דאָ האָט זיי געבעטן וואַסער, דאָ האָבן זיי געבעטן פלייש, א.א.וו. דאָס האָט צוגעברענגט דעם ענין פון 'מי מריבה', וואָס מיר האָבן נישט קיין השגה דערינען, אָבער ס'ווערט אָנגערופן לפי ערכו פון משה רבינו אַז דאָס איז געווען אַ מכשול.

אַצינד געזעגנט זיך משה רבינו פון אידן. **זיי גייען אַלע אַריין קיין ארץ ישראל, און ער בלייבט שטיין פון הינטן!** ער ווערט נסתלק פון דער וועלט צוליב זיי! וואָס וואָלט אַן אַנדערער מענטש געטון אין אַזאַ פאַל?! אָבער משה רבינו האָט געהאַט אַזאַ גרויסע אהבה צו אידישע קינדער אַז די גאַנצע זאַך האָט אים בכלל נישט אָנגערירט! איידער ער ווערט נסתלק זאָגט די תורה עדות: "וזאת הברכה אשר ברך משה איש האלוקים את בני ישראל לפני מותו", אַז **משה רבינו האָט זיי געבענטשט מיט'ן גאַנצן האַרץ, מיט די גרעסטע שפּיץ אהבה!**

דאָס איז די 'סיפּור הצלחה' פון ששת ימי בראשית און דאָס איז דער סוף פון דער תורה! ווילסט וויסן אויב דער רבוש"ע האָט מצליח געווען מיט זיין פּלאַן?! **זעה וויאַזוי אַ יליד אשה האָט זיך אַזוי אויסגעאַרבעט!** ער האָט ניטאַמאָל געהאַט קיין שום 'טינא בלבו' קעגן אידישע קינדער, עד כדי כך אַז די תורה קען מעיד זיין אַז ער האָט געגעבן אַ שלימות'דיגע ברכה מיט זיין גאַנצע האַרץ! דאָס הייסט "אשר ידעו ה' פּנים אל פּנים"! **דאָס איז די הצלחה פון דער תורה און דאָס איז אַ גוטע סוף פון דער מעשה!** דער אור החיים הק' זאָגט נאָכמער אַז וויאַזוי איז משה רבינו צוגעקומען צו אַזאַ מדריגה?! דייקא דורך זיך אָפּגעבן מיט אידן, דוקא ווייל ער האָט געטון פאר זיי, ער האָט זיך געזאָרגט פאר זיי, דאָס האָט אים אַזוי אויפגעהויבן!

## די גרעסטע שלימות איז זיך צו האַלטן מיט'ן אויבערשטן אין אַלע מצבים

ווען אַ איד דערהערט דאָס לערנט ער פּרשת בראשית אַנדערש, ער הייבט אָן נאָכאַמאָל די תורה מיט אַ פרישע הבנה; ער פאַרשטייט אַז די תורה זאָגט אים: **"זאָלסט וויסן אַז אַ איד קען זייער גרויס דערהויבן ווערן, נישט קיין חילוק ווי פינסטער ס'איז, נישט קיין חילוק ווי נידריג די וועלט איז, אדרבא! דאָס איז די מעשה פון דער תורה!"**.

אַ יונגע קאָפּ וואָס פאַרשטייט נאָכנישט וואָס איז דאָס תורה, קען זיך בלויז מצייר זיין אַז אַ 'סיפּור הצלחה' מיינט ווען מען האָט נישט קיין שום פּראָבלעמען. מען איז געבליבן ביים לערנען אַגאַנץ לעבן, מען האָט גוטע קינדער און אַ פּאַסיגע פּרנסה... **דאָס איז אַלעס זייער שיין און געוואַלדיג, אָבער דאָס האָט נישט מיט תורה! תורה מיינט ווען אַ איד איז עומד בנסיון!** און 'עמידה בנסיון' מיינט נישט אַלעמאָל גלייך אַז מען איז בייגעשטאַנען דעם נסיון באַלד ביי די ערשטע מאָל! דער עיקר איז צו געדענקן אַז ס'איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט! וויאַזוי איז דער דור המדבר אָנגעקומען צו אַזאַ מדריגה? וויאַזוי איז משה רבינו אָנגעקומען צו זיין מדריגה? **ווייל זיי האָבן אַלעמאָל געדענקט די געהויבענע מצבים** און אַז דער רבוש"ע האָט זיי ליב און האָט זיי אַרויסגענומען פון מצרים!

## די עבודה פון אַגאַנץ יאָר איז שוין אַן הכנה אויפ'ן קומענדיגן חודש תשרי...

דער אויבערשטער גיט אונז די הייליגע ימים טובים מיט אַזעלכע דערהויבענע צייטן **כדי מיר זאָלן דאָס מיטנעמען אויפ'ן גאַנצן יאָר, צו געדענקן בכל ימות השנה דעם "שבענו מטובך", צו געדענקן ווי זיס ס'איז אַ 'קרבת אלקים'.**

אויב מיר וועלן מיטנעמען די הרגשה קענען מיר דאָס שפּירן אויך אינמיטן ווינטער! **ס'איז נישטאָ קיין גזירה אַז אַ מענטש דאַרף לעבן אין אַ חושך...** פאַרקערט, אויב אַ איד דינט דעם אויבערשטן ריכטיג קען ער בלייבן מיט די שייכות פון 'קרבת אלקים' וואָס ער האָט געהאַט יום טוב, און **ער קען דאָס מיטנעמען אַז אויך די וואָכנדיגע טעג זאל ווערן יום טוב'דיג!** שפּעטער ווען ס'וועט קומען דער קומענדיגער יום טוב, וועט זיין השגה אינעם יום טוב אַרויפגיין נאָך העכער!

וויפיל שטאַרקער מען מאַכט 'יום טוב' אינמיטן יאָר; וויפיל שטאַרקער מען טאַנצט מיט דער ספר תורה ווען ס'איז דאָ שווערע נסיונות; **אַזויפיל מער וועט זיין די קרבת אלקים דעם קומענדיגן יום טוב!** די אַרבעט הייבט זיך אָן פון מוצאי שמחת תורה אַז אַ איד זאָל קענען קומען גרייט, מיט אַזויפיל מער השגה, אויף דעם קומענדיגן חודש תשרי הבעל"ט!

**אותיות מחכימות** — אור החיים הק' פּרשת וזאת הברכה

ונראה שנתכוון הכתוב לשבח איש האלוקים מה גדלו מעשיו, הנה בפרשה הקודמת לזה סמוך למאמר וזאת הברכה מלפניה אמר הכתוב החלט הגזירה על משה למות באומרו עלה אל הר העברים וגו' ומות וגו' על אשר וגו', ואם כן יאמר האומר כי זה משה האיש טינא היה בלבו על מיתתו אשר היה לה סיבה עם בני ישראל אחר שרץ אחריהם כסוס (מדרש תנחומא) גרמו לו מיתה בחוץ לארץ ומנעוהו מעבור לארץ אשר נכספה וגם כלתה נפשו לה, וטבע אנוש ירחיק הסובב רע, והגם שידוע הוא הצדיק לסבלן אחר היכולת, זה יועיל שלא לשנוא אותם, אבל קורבת הלב היא נמנעת על כל פנים, לזה בא דבר ה' בתורתו והעיד על הצדיק ואמר כי מלבד שלא שנא אותם ולא הרחיקם מלבו עוד לו זאת הברכה וגו'.